**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/14/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

***גאווערנער האוקול אנאנסירט אז אפליקאציעס זענען אפן פאר 2022 'עמפייער סטעיט פעלאָוס' פראגראם***

***פראגראם מאכט גרייט א נייע דור פון פאָליסי שאפער צו פירן ניו יארק סטעיט***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן דאס עפענען דעם אפליקאציע פראצעס פאר די 2022 קלאס פון 'עמפייער סטעיט פעלאָוס'. די פרעסטיזשפולע פראגראם ציעט אויסערגעווענליכע און פארשידנארטיגע טאלאנטן פון ניו יארק און ארום דעם לאנד צו סערווירן אין הויכראנקיגע פאזיציעס אין דער אדמיניסטראציע. זינט דאס עפענען דעם פראגראם צען יאר צוריק, זענען גראדואירער פון דעם 'עמפייער סטעיט פעלאָוס' פראגראם געשטיגן צו הויכראנקיגע ראלעס אין סטעיט רעגירונג, אריינגערעכנט געהילף קאמיסיאנער, געהילף סעקרעטאר, און שטאב הויפט פאזיציעס ביי אגענטורן לענגאויס דעם סטעיט.

"אלס דעם עמפייער סטעיט שטאלצירן מיר זיך אויפצונעמען די סאמע בעסטע ניו יארקער וועלכע זענען פאראינטערעסירט אין נאכגיין א קאריערע אין געזעלשאפטליכע סערוויס," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "איך מוטיג יעדער אין ניו יארק וועלכער איז פאראינטערעסירט אין סערווירן זייער קאמיוניטי זיך צו ווענדן פאר דעם 'עמפייער סטעיט פעלאָוס' פראגראם, וועלכס האט געגעבן געלעגנהייטן אויף טראנספארמאציע פאר אזוי פיל פובליק באאמטע. מיר קוקן ארויס מיט חשק צו דעם נעקסטן קלאס פון פארשידנארטיגע און אויסגעצייכנטע סטיפענדיע-שטודירער און די אויסגעצייכנטע ארבעט וואס זיי וועלן טון זיכער צו מאכן אז דער עמפייער סטעיט איז ווייטער א פארגעשריטענע שיינטורעם פאר'ן לאנד."

דער 'עמפייער סטעיט פעלאָוס' פראגראם איז א פול-צייטיגע, מיטל-קאריערע פעלאָושיפּ פראגראם וועלכס מאכט גרייט דעם נעקסטן דור פון ניו יארק סטעיט פאָליסי-שאפער. די גאווערנער'ס אפיס באשטימט געציילטע 'עמפייער סטעיט פעלאָוס' צו ארבעטן דירעקט מיט א קאמיסיאנער, געהילף קאמיסיאנער, אדער אנדערע הויכראנקיגע באאמטע אין א סטעיט אגענטור אדער אויטאריטעט אדער אין דעם עקזעקיוטיוו טשעימבער.

**געהילף סעקרעטאר פאר פאָליסי אפעראציעס פאדמא סימאנגאל האט געזאגט,** "אלס א שטאלצע געוועזענע מיטגליד פון דעם 'עמפייער סטעיט פעלאָוס' פראגראם, בין איך באגליקט זיך אנצושליסן מיט א גרופע אויסגעצייכנטע יחידים מיט א הרגש זיך אנצושליסן אין פובליק סערוויס און צו אנטוויקלען זייערע פירערשאפט געניטשאפטן. די אומשאצבארע פעאיגקייטן און קענטעניס וועלכע איך האב זיך איינגעשאפן דורך דעם סטיפענדיע-שטודיר פראגראם האט געדינט אלס מיין אריינפיר צו סטעיט סערוויס, און צוליב דעם פראגראם קען איך סערווירן דורך אן אינטערסעקציאנעלע לינדז און פארזיכערן אז ניו יארקער באקומען געלעגנהייטן גלייך פאר יעדן."

די ארייינקומענדע קלאס פון עמפייער סטעיט פעלאוס וועט דינען פון סעפטעמבער 2022 ביז סעפטעמבער 2024 און באקומען א געהאלט פון 76,500 דאלער. פראפעסיאנעלן פון אלע סעקטארן — נאָנפּראָפיט, פריוואטע, העכערע בילדונג — ווערן פארבעטן זיך צו ווענדן.

אפליקאציעס וועלן אנגענומען ווערן ביז אפריל 4, 2022; גייט צו https://www.ny.gov/new-york-state-fellowship-programs/empire-state-fellows-program פאר מער אינפארמאציע איבער דעם פראגראם און אנווייזונגען איבער וויאזוי זיך צו ווענדן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418